בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת במדבר תשע"ז** **פרקי אבות ו** **גליון 410 [שנה ט']**

**וואס מיינט וַיִּתְיַלְדוּ?**

וַיִּתְיַלְדוּ עַל־מִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם: (א יח) לכאורה דער לשון וַיִּתְיַלְדוּ איז זייער אינטרעסאנט! נאר באמת היינטיגע צייטן זעט מען ווי מענטשן קומען צוריק אדער זענען זיך מחזק אין זייער אידישקייט ווען זיי געפינען אויס זייער יחוס אז זיי שטאמען פון גרויסע מענטשן און דאס איז זיי מחייב, דעריבער שטייט וַיִּתְיַלְדוּ זיי ווערן פריש געבוירן, ווייל עַל־מִשְׁפְּחֹתָם, זיי האבן אויסגעפונען פון וועלכע משפחה זיי זענען, און לְבֵית אֲבֹתָם, ווער זענען געווען זייערע עלטערן. [אמר המו"ל איך קען א גאנצע משפחה וואס האבן אויסגעפונען אז זיי שטאמען פון הייליגן קצות החושן הגאון ר' אריה ליב הכהן זצ"ל און זיי האבן זיך צוריקגעקערט צו אידישקייט און יעדן דאנערשטיג קומט א רב און זאגט פאר די משפחה און זייער ידידים א שיעור אין די ספרים קצות החושן און אבני מילואים און שב שמעתתא, זעעט מען אז יחוס איז אויך א מחייב.] (תפוחי חיים אדמו"ר מדעעש קארלסבורג)

**וּרְאֵה־בָנִים לְבָנֶיךָ שָׁלוֹם עַל־יִשְׂרָאֵל**

וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת אַהֲרֹן וּמֹשֶׁה: (ג א) זאגט רש"י כל המלמד את בן חבירו תורה כאלו ילדו. אז מען לערנט איינעם תורה איז אזוי ווי מען האט אים געבוירן, דארף מען פארשטיין וואס לערנט אונז דער לימוד? קען מען זאגן אז די תורה וויל לערנען אז מען איז מחוייב מכבד זיין א רבי אזוי ווי זיינע עלטערן און מען זעט אז אמאל איז דיין רבו פריערט פון דיינע עלטערן, ביי השבת אבידה שטייט אין די גמ' (ב"מ לג ע"א) אבידת אביו ואבדת רבו אבידת רבו קודמת, ווייל ער ברענגט דיר צו עולם הבא. לויט דעם קען מען פארשטיין די סמיכת הפסוק (פסוק ד) וַיָּמָת נָדָב וַאֲבִיהוּא לִפְנֵי ה' בְּהַקְרִבָם אֵשׁ זָרָה לִפְנֵי ה' בְּמִדְבַּר סִינַי וּבָנִים לֹא־הָיוּ לָהֶם, און די גמ' (עירובין דף סג ע"א) דרשענט: רבי אליעזר אומר: לא מתו בני אהרן עד שהורו הלכה בפני משה רבן. דאס מיינט זיי האבן נישט מכבד געווען זייער רבי, משה רבינו, קען מען זאגן וּבָנִים לֹא־הָיוּ לָהֶם, לויט ווי מען טייטשט דעם פסוק (תהלים קכח ו) וּרְאֵה־בָנִים לְבָנֶיךָ שָׁלוֹם עַל־יִשְׂרָאֵל: ווייל די סיבה פארוואס מען איז נישט מכבד עלטערן ווי עס דארף צו זיין, איז ווייל מען פארשטייט נישט די צער און כוחות וואס די עלטערן לייגן אריין ביי זיי, און ווייל אדם הראשון האט נישט געהאט עלטערן האט ער נישט אריינגעגעבן אין די שפעטערדיגע דורות מיטפילן די צער פון עלטערן. אבער ווען איינער איז זוכה צו האבן קינדער און האדעוועט זיי, ערשט דעמאלטס הויבט ער אן צו אנערקענען און מכיר טובה זיין פאר זיינע עלטערן, דאס מיינט וּרְאֵה־בָנִים לְבָנֶיךָ, ווען דיינע קינדער וועלן האבן קינדער דעמאלטס, שָׁלוֹם עַל־יִשְׂרָאֵל, דיינע קינדער וועלן פארשטיין דיין צער און ווערן שלום מיט דיר, און דיר שטארק מכבד זיין. דאס מיינט וּבָנִים לֹא־הָיוּ לָהֶם, פארוואס האבן זיי נישט מבבד געווען משה? ווייל זיי האבן נישט געהאט קינדער האבן זיי נישט געפילט דעם צער פון עלטערן, ממילא האבן זיי נישט געפילט דעם צער פון זייער רבין, דעריבער איז גוט די סמיכות פון נדב ואביהוא און תּוֹלְדֹת אַהֲרֹן וּמֹשֶׁה. (תפוחי חיים אדמו"ר מדעעש קארלסבורג)

**וואס איז געווען די עונש פון נדב ואביהוא**

וַיָּמָת נָדָב וַאֲבִיהוּא לִפְנֵי ה' בְּהַקְרִבָם אֵשׁ זָרָה לִפְנֵי ה': (ג ד) שטייט אין גמ' (סנהדרין דף נב.) שני חוטין פאדעמ'ס של אש יצאו מבית קודש הקדשים ונחלקו לארבע ונכנסו שנים בחוטמו של זה ושנים בחוטמו של זה וְשָׂרְפוּם. עס איז ארויס צוויי פעדעמער'ס פון פייער פון קדש הקדשים און איז אריין אין זיי און פארברענט. צו פארשטיין פארוואס האט זיי געקומט פונקט דעם עונש? נאר די גמ' (עירובין דף סג ע"א) זאגט כל המורה הלכה בפני רבו ראוי לְהַכִּישׁוֹ נָחָשׁ, קומט אויס אז זייער עונש וואלט געדארפט זיין פון א ביס פון א שלאנג, אבער עס שטייט אין מדרש (שיר השירים ג ה) ווען די אידן זענען אנגעקומען אין מדבר האבן זיי מורא געהאט פון די שלענג פון מדבר איז ארויס צוויי פעדעמער'ס פייער פון קדש הקדשים און פארברענט די אלע שלענג פון מדבר ע"כ המדרש, ממילא איז יעצט ווייל די עונש האט געדארפט זיין דורך א שלאנג און עס זענען נישט געווען שלענג אין מדבר, דעריבער איז געקומען די צוויי פעדעמער'ס פון קדשי הקדשים וואס האבן פארברענט די שלענג און אריין אין נדב ואביהוא. (תפארת יונתן – אייבישיץ)

## פרקי אבות פרק ז

**בְּכָל יוֹם וָיוֹם בַּת קוֹל יוֹצֵאת מֵהַר חוֹרֵב**

אָמַר רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי, בְּכָל יוֹם וָיוֹם בַּת קוֹל יוֹצֵאת מֵהַר חוֹרֵב וּמַכְרֶזֶת וְאוֹמֶרֶת אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת מֵעֶלְבּוֹנָהּ שֶׁל תּוֹרָה שֶׁכָּל מִי שֶׁאֵינוֹ עוֹסֵק בַּתּוֹרָה נִקְרָא נָזוּף: (משנה ב) פארוואס דארף דער בת קול ארויסגיין יעדן טאג און נישט איינמאל א וואך, ווייל אז מען הערט אזאך צו אפט הערט מען נישט צו? נאר דער הייליגער ערוגת הבושם (פ' דברים) איז מסביר דאס וואס שטייט אין די גמ' (תמיד דף כח ע'א) כל המוכיח את חבירו לשם שמים זוכה לחלקו של הקב"ה שנא' (משלי כח כג) מוֹכִיחַ אָדָם אַחֲרַי חֵן יִמְצָא. דארף מען פארשטיין וואס איז דער ענין פון ווערן א חלק פון הקב"ה כדי צו טרעפן חן בי הוכחה? נאר עס שטייט אין ספר פנים יפות פון הייליגן הפלאה אויפן פסוק (ויקרא כו יב) וְהִתְהַלַּכְתִּי בְּתוֹכְכֶם וְהָיִיתִי לָכֶם לֵאלֹקִים, זאגט רש"י אֲטַיֵּיל עִמָּכֶם בגן עדן כאחד מכם –איך וועל כביכול שפאצירן מיט אייך אין גן עדן– ולא תהיו מזדעזעים ממני און איר וועט נישט ציטערן פון מיר– יכול לא תיראו ממני ת"ל וְהָיִיתִי לָכֶם לֵאלֹקִים, פונדעסטוועגן איך בין אייער ג–ט און איר וועט מורא האבן פון מיר. לכאורה וואס וויל רש"י זאגן? נאר ביי א מלך בשר ודם אויב א מענטש ווערט נאנט צום מלך, האט ער נישט אזוי מורא פון קעניג, ווייל ער ווערט איינגעוואוינט צו אים, און די סיבה איז ווייל א מלך בשר ודם איז באגרעניצט און איז נישט אויף אייביג, אבער הקב"ה וואס איז אין סוף און האט נישט קיין גרעניץ צו זיינע מעשים און אלץ מער וואס מען ווערט נענטער צו אים זעט מען אז מען האט נישט קיין השגה אין אים, באקומט מען א גרעסערע מורא, דאס מיינט רש"י וְהָיִיתִי לָכֶם לֵאלֹקִים, דעריבער וועט איר שטענדיג מורא האבן פון מיר אפילו איך וועל זיין נאנט מיט דיר און וועסט מיר פאלגן ע"כ דברי הפנים יפות, לויט דעם פארשטייט מען זייער וואס די גמ' זאגט זוכה לחלקו של הקב"ה, אויב איינער איז מוכיח לשם שמים ווערט ער א חלק פון הקב"ה ווייל סתם א מענטש וואס איז מוכיח הערט מען די ערשטע מאל און מען ווערט ווארעם אבער נאך אפאר מאל זאגן הערט מען שוין נישט צו, משא"כ אויב מען איז מוכיח לשם שמים און מען ווערט א חלק פון הקב"ה, וואס

ביי אים באקומט מען אלץ מער א מורא פון אים, אזוי ווי עס שטייט (תהלים טז כח) שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד וואס אין ערשטע סימן אין שו"ע שטייט אז דורך דעם באקומט מען מער און מער מורא פון ה' אפילו עס דארף זיין שטענדיג, ע"כ דברי הערוגת הבושם. ממילא לויט דעם פארשטייט מען די משנה וואס א בת קול גייט יעדן טאג, ווייל דער בת קול איז לשם שמים און ווערט א חלק פון הקב"ה, אפילו עס איז יעדן טאג פונדעסטוועגן האט מען מורא און מען פאלגט און מען לערנט תורה וואס אן תורה האט די וועלט נישט קיין קיום.

(שמן הטוב – ר' דייטש אב"ד חליסה)

## מדור העובדות

## א איד איז מכיר טובה די חסידים וועגן דער רבי פון הוסיאטין יארן שפעטער

עש"ק פרשת מקץ כ"ט כסלו תש"ט איז נסתלק געווארן דער הייליגער צדיק ר' ישראל פון הוסיאטין דער זון פון הרה"ק ר' שרגא פייביש זון פון הייליגן ריזינער זצוק"ל. די קבורה איז געווען אין אלטע בית החיים אין טבריה און אזוי ווי עס איז געווען די קליינע פרייטיג'ס און א גרופע פון ארום דרייסיג חסידים זענען געפארן אויף די לויה און עס איז שוין נישט געווען מעגלאך אהיים צו פארן אויף שבת האבן זיי זיך געגאנגען זוכן א פלאץ אין טבריה האבן זיי געגאנגען צו א באקאנטע מלון פון א היימישע איד און קומען דארט אריין און זאגן זיי ווילן זיין ביי אים אויף שבת און וועלן גוט באצאלן, ענטפערט דער איד: ביי מיר איז שוין אלעס גרייט אויף שבת און איך אנטשולדיג זיך און קען אייך נישט אריינעמען! האבן זיי זיך געבעטן אז זיי זענען געקומען אויף א לויה און האבן נישט וואו צו גיין, האט ער געפרעגט וועמענ'ס לויה? האבן זיי געענטפערט, דער הוסיאטענע רבי, ווען ער דאס געהערט האט ער געזאגט, אויב אזוי זענט איר מיינע געסט און איך וועל אייך אלעם צושטעלן אז איר זאלט האבן א געשמאקן שבת און זאגט איך וועל אייך ווייזן די צימערן און איך וועל גיין צושטעלן די עסן.

פרייטיג צו נאכט'ס זענען אלע געזעצן צוזאמען און דער בעל הבית רופט זיך אן איך וועל אייך דערציילן פארוואס איך האב אייך אריינגענומען. ווען איר האט דערמאנט דעם נאמען הוסיאטין האב איך געמוזט טאן פאר אייך און הויבט אן דערציילן, מיין טאטע איז געווען א סוחר און פלעגט אסאך ארום פארן פאר זיינע געשעפטן און זייענדיג א נאנטער חסיד פון הייליגן רבין פון הוסיאטין און ער פלעגט כסדר גיין און זיך מזכיר זיין דארט, און אזוי איז ער געפארן צו די געשעפטן, איינמאל איז ער אנגעקומען און מען האט געזאגט מען קען יעצט נישט אריינגיין צום רבין און ער זאל גיין אין שול ביז מען וועט אים רופן, אזוי האט ער געווארט א לענגערע צייט ביז מען איז אים געקומען רופן און מיין טאטע גייט אריין צום רבין און דערלאנגט אים א קוויטל און דער רבי ליינט דאס און קוקט אריין אין דעם און פרעגט אים וואס מאכט דיין יונגסטער זון? ענטפערט מיין טאטע אלעם איז גוט מיט אים, און דער רבי ווערט ערנסט און זאגט איך וועל מתפלל זיין ער זאל האבן א גאנצע רפואה, מיין טאטע איז געווארן דערשראקן פון דעם אבער ער האט שוין נישט געקענט אהיים פארן און איז אריין אין שול זאגן תהלים פאר זיין זון.

ווען ער עפענט זיין טאש באמערקט מיין טאטע אז די קוויטל וואס ער האט אנגעשריבן איז געווען ביי אים און מן הסתם האט ער געגעבן דעם רבין אדער א ליידיגע פאפיר אדער אפשר האט דער רבי זיך טועה געווען מיט א אנדערן קוויטל און ער לויפט מיט א אימפעט צוריק צום רבין און וויל אריינגיין געבן די ארגינעלע קוויטל, דער גבאי איז געווען א דערהויבערנער איד און הערט וואס מיין טאטע בעט און זאגט חלילה צו טראכטן אויפן רבין אזא זאך ווייל אפילו עס וואלט געווען א ליידיגע פאפיר וואלט דער רבי אלעס געזען און אז דער רבי האט דיר אנגעוואונטשן וועט אלעס זיין גוט און קענסט פארן לחיים ולשלום.

מיין טאטע איז געווארן בארוהיגט און גענומען זיין ביכל און איינגעשריבן פונקלאך די שעה וואס דער רבי האט אנגעוואונטשן זיין זון און איז געפארן צו זיינע געשעפטן מיט אמונה אין צדיק אז אלעם וועט זיין גוט. עס איז אריבער א שיינע פאר וואכן און מיין טאטע גרייט זיך אהיים צו פארן, ווען ער איז אריין אין שטאט האט ער געפרעגט איינעם צו אלעם איז אין ארדענונג ביי אים אין שטוב? האט יענער געענטפערט אז ער האט גארנישט געהערט עפעס שלעכטס! איז מיין טאטע געפארן צו זיין שטוב און ווען ער קומט אריין זאגט אים מיין מאמע זאלסט וויסן אז מיר האבן געהאט גרויסע ניסים מיט אונזער יונגסטן זון, און זי דערציילט אז גלייך נאך וואס דו ביסט אוועק געפארן האט דאס קינד אנגעהויבן נישט גוט פילן און דער מצב איז געווארן נישט גוט האב איך דאס קינד גענומען צום דאקטער וואס האט געזאגט אז מען קען גארנישט טאן פארן קינד און זי זאל אים אהיים נעמען און נאר בעטן דעם אויבערשטן פאר א נס,

און דו ביזט נישט געווען דא האב איך אהיים גענומען דאס קינד און גענומען בעטן דעם אויבערשטן, און איין טאג זע איך פלוצלינג ווי דער קינד הויבט אן צו פילן בעסער און אין א פאר שעה איז ער געווארן אינגאנצן געזונט און איך האב אים גענומען צום דאקטער וואס האט אים באטראכט און געזאגט עס איז געשען דא א נס!

פרעגט מיין טאטע ווען איז געשען די פארבעסערונג און זי זאגט א צייט? נעמט ארויס מיין טאטע זיין ביכל און זעט אז דאס איז געווען פונקט ווען ער איז אררין צום רבין און האט אנגעוואונטשן, מיין טאטע איז געפארן צום רבין מיט מיין מאמע און געברענגט א מתנה פארן רבין, דאס האט דערציילט דער בעל המלון, און פירט אויס אז דער אינגל בין איך געווען און איך בין שולדיג מיין לעבן פארן הייליגן רבי פון הוסיאטין! דעריבער האב איך אייך אריינגענומען ביי מיר זיע"א. (מפי הרה"ח ר' אהרן ראמזערין חסיד הוסיאטין)

הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן

*סעט זוהר הק' דפוס זיטאמיר מצב יפה מכורך 3000$, שו"ע או"ח דפוס זיטאמיר מצב מצויין ג' חלקים. סעט טורים דפוס זיטאמיר 1200$ ספר בנימין זאב עם כמה חותמות של התפארת שלמה מראדאמסק 9000$, בריוו פון חכם צבי, ר' עקיבא איגר, תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר מצב מפואר 8500$, תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר של הסידור 7500$ א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים שטארקע תוכן ווינטשט אן ווער עס וועט העלפן 22000$, סידור חסד לאברהם מצב חדש מנטובא תקמ"א עפ"י האריז"ל 8000$, חובת הלבבות שנת ש"ח מצב יפה רק חסר השער 3000$, סעט ארבע טורים מצב נהדר עם כריכה ארגינלית נדפס דיהרנפורט עם חתימת הגאון ר' זרח ב"ר אבא ליפפא אב"ד בוחיף ועוד 2000$, ספר זוהר הרקיע להאריז"ל דפוס קארעץ, ספר מבוא שערים לר' חיים וויטאל דפוס קארעץ, הונדערטע אלטע דרוקן פון תיקון ליל שבועות*

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

**Do Not Pay for Sheimos if you have good condition older seforim, pick up for free.**

פארוואס זאלט איר באצאלן געלט פאר שֵׁמוֹת? אויב איר האט ספרים נייע אן אלטע קענט איר דאס אריינברענגן צו אונז בחינם. פאר גרעסערע קוואנטום'ס קענען מיר קומען צו אייך, מיר נעמען נישט גמרות אדער חומשים אן סידורים וואס זענען געדרוקט אין די לעצטע 70 יאר,